ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | **פרשת וירא** | שנת תשע"ב

**וירא ה' אליו באלוני ממרא:** פרש"י **הוא שנתן לו עצה על המילה לפיכך נגלה אליו בחלקו.** איז ידוע די קשיא, היתכן אברהם אבינו זאל גיין פרעגן ממרא צי ער זאל מקיים זיין די מצוה פון השי"ת?

ענטפערט דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** מיט דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, אז עס איז פיל חשוב'ער א מצוה וואס מ'טוט נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט באפוילן דערויף.

ביי יעדע מצוה אפילו מ'טוט עס נאך איידער מ'איז **מצווה ועושה** האט מען נאך די ברירה דאס מקיים צו זיין אויך שפעטער ווען ער וועט זיין מצווה ועושה, משא"כ **מצות מילה** וואס מ'קען נאר מקיים זיין איינמאל אין לעבן, איז נישט שייך מקיים צו זיין סיי פאר מ'איז א מצוה ועושה און סיי שפעטער. אברהם אבינו האט שוין משיג געווען אליין די מצוה פון מילה, נאך איידער דער אייבערשטער האט אים געהייסן, אבער ממרא האט אים מייעץ געווען צו ווארטן אז דער אייבערשטער זאל אים מצוה זיין, אזוי וועט ער קענען מקיים זיין די מצוה אלס מצוה ועושה.

דער **רא"ש** אנהויב מס' פסחים איז מסביר דעם חילוק צווישן די מצות וואס מ'זאגט די ברכה מיט 'על' למשל על מצות ציצית, צי א מצוה וואס מ'זאגט די ברכה מיט א 'ל' למשל לישב בסוכה, אזא מצוה וואס מ'מאכט די ברכה נאך פאר מ'טוט די מצוה מאכט מען 'על', צום ביישפיל 'על ביעור חמץ', אבער א מצוה וואס מ'מאכט די ברכה נאכן טון די מצוה, אזוי ווי סוכה וואס ווען מ'מאכט די ברכה איז מען שוין אין די סוכה, מאכט מען מיט א ל' לישב בסוכה.

דאס זאגט רש"י **הוא שנתן לו עשה 'על המילה'**, ער האט געגעבן פאר אאע"ה די עצה אז ער זאל ווארטן און זיך נישט מל זיין ביז ער וועט זיין א מצוה ועושה, דעמאלטס וועט ער מאכן די ברכה **'על מצות מילה'** אזוי ווי אלע מצות וואס דער אייבערשטער האט געהייסן.

*

**והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו:**

דער **מדרש** זאגט אז ווען משרע"ה איז געגאנגען נעמען די תורה האבן אין די מלאכים געוואלט טשעפענען, האט דער אייבערשטער אויסגעמאלן די צורה פון משה רבינו אזוי ווי אברהם און זיי געפרעגט **'לא זהו שירדתם אצלו ואכלתם בתוך ביתו?'**, לכאורה דארף מען פארשטיין, צי ווייל זיי האבן איינמאל געגעסן ביי איהם אין שטוב דארפן זיי שוין מוותר זיין אויף די תורה?

ענטפערט **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** אז די טענה פון די מלאכים איז געווען אז די מענטשן אויף די וועלט זענען פאריאגט מיט פרנסה און זיי וועלן נישט האבן קיין צייט צו לערנען, און קיינער וועט ח"ו נישט קוקן אויף די תוה"ק, משא"כ אויב וועט די תורה זיין אין הימל ביי די מלאכים וועלן זיי שטענדיג עוסק זיין בתורה. אבער זייער טענה איז בטל געווארן ווייל גלייך נאך מ"ת זענען אידן געווען 40 יאר אין מדבר, זיי האבן געגעסן מן און געלערנט תורה אן קיין דאגת הפרנסה.

דער מדרש זאגט **בשכר שאמר ואקחה פת לחם, אמר הקב"ה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים**, קומט אויס אז אידישע קינדער האבן זוכה געווען צום מן בזכות אאע"ה, און אזוי האבן זיי געקענט באקומען די תורה.

דאס האט דער רבש"ע געענטפערט פאר די מלאכים וואס האבן גע'טענה'עט אז אידן וועלן נישט לערנען די תורה, איר זענט דאך געווען ביי אברהם, און איר ווייסט אז בשכר זה וועלן אידן האבן מן און קענען לערנען תורה מיט הרחבת הדעת, ממילא איז בטל די טענה פון די מלאכים.

*

**ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעולה, ויאמר אברהם אלקים יראה לו השה לעולה בני.** לכאורה פארוואס האט יצחק אנגעהויבן מיט די ווערטער **הנה האש והעצים**, ער וואלט נאר געדארפט פרעגן **איה השה לעולה?**

ענטפערט דער **בעל שם טוב הקדוש זי"ע** לויט די גמרא אין מס' פסחים (דף ס"ו ע"א) אז ווען די בני בתירה האבן געברענגט דעם קרבן פסח צום ביהמ"ק ערב פסח שחל בשבת, האבן זיי אריינגעלייגט דעם מעסער וואס מען ניצט צום שעכטן אינעם וואל אדער צווישן די הערנער פון די לעמעלע און אזוי געטראגען און ביהמ"ק. פרעגט די גמרא ער טוט דאך אן א עבודה מיט א בהמה פון הקדש? ענטפערט די גמרא אז מ'האט עס הערשט מקדיש געווען ווען די בהמה איז אנגעקומען צום ביהמ"ק.

וועגן דעם ווען יצחק האט געזעהן ווי דער טאטע לייגט אויף אים ארויף די עצי העולה, און ער נעמט די פייער, האט ער זיך געוואונדערט, **הנה האש**, דו טראגסט דאך דעם פייער, ממילא קענסטו דאך נישט זיין דער קרבן, **והעצים** און די עצים ליגן אויף מיר, ממילא קען איך אויך נישט זיין דער קרבן, אויב אזוי **ואיה השה לעולה** ווער איז יא דער קרבן?

אויף דעם האט אברהם אבינו געענטפערט **אלקים יראה לו השה**, דער אייבערשטער וועט אויסוועלן ווער עס זאל זיין דער קרבן, קען זיין עס וועט זיין א שה, און אויב נישט דעמאלט **לעולה בני**, אין דיך האב איך נאכנישט מקדיש געווען, נאר הערשט אויפן הר המוריה וועל איך דיר מקדיש זיין, ממילא איז דאס נישט קיין מעילה בהקדש.

## וסעדו לבכם אחר תעבורו

דער הייליגער **נועם מגדים זי"ע** טייטשט בדרך רמז, לויט דעם וואס דער מדרש זאגט **'ישבע בחרפה'** אז א מענטש וואס ווען מ'איז אים מבזה און מ'פארשעמט אים שוויגט ער און ער ענטפערט נישט, ער איז פון די נעלבים ואינם עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבין, דאס אליין איז מכפר אויף זיינע עבירות, און ער דארף מער נישט פאסטן קיין תעניתים וואס זאלן אים מכפר זיין.

דאס האט אברהם אבינו געזאגט **וסעדו לבכם אחר תעבורו**, נאכדעם וואס עטס וועט זיין אויף די מדריגה פון מעביר על מידותיו, און נישט מבזה זיין איינעם וואס האט ענק פארשעמט, **וסעדו לבכם** קענט איר זיך דערקוויקן דאס הארץ, און מ'דארף נישט צוקומען צו קיין תעניתים.

# אוצר הידיעות

## ותהי נציב מלח

מיר לערנען די וואך אין די סדרה אז ווען השי"ת האט געגעבן דעם עונש פאר סדום איז לוט מיט זיין משפחה נישט ערלויבט געווארן צו קוקן אויפן חורבן פון סדום, און ווען אשת לוט האט יא געקוקט איז זי געווארן א שטיק זאלץ.

**רש"י** זאגט **ותהי נציב מלח** דאס איז געווען א עונש מדה כנגד מדה, ווייל זי איז געווען קארג אויף צו געבן זאלץ פאר די געסט, און ווען לוט האט איר געבעטן זאלץ האט זי געזאגט 'אויך דעם שלעכטן מנהג קומסטו דא איינפירן' איז זי באשטראפט געווארן אז זי איז געווארן א שטיק זאלץ.

דער **מדרש** (ב"ר פנ"א) זאגט אז איר עבירה איז געווען אז זי האט מפרסם געווען פאר אלע שכנים אז עס זענען דא געסט, זי איז איבעראל ארומגעגאנגען בעטן זאלץ, זאגנדיג "גיט מיר זאלץ ווייל מיר האבן געסט"... ווייל זי האט געוואלט אז די אנשי סדום זאלן קומען ארויסווארפן די געסט, וועגן דעם איז זי נענש געווארן מיט מלח.

אין **פרקי דר"א** (פכ"ה) שטייט אז נאך ביזן היינטיגן טאג שטייט די שטיק זאלץ אויפן זעלבן פלאץ און די אקסן דארט לעקן דאס טאג נאך טאג זיי לעקן אפ ביז צו די פינגער פון די פיס, און דעם קומענדיגן אינדערפרי וואקסט דאס צוריק געגעוי אזוי ווי דאס איז געווען.

דער **סדר הדורות** שרייבט אזוי: די פרוי פון לוט האט געהייסן **עידית**, דאס פלאץ פון דעם '**נציב מלח**' איז נישט ווייט פון **נחל קדרון**, איך האב געזעהן נאך חצות הלילה אז דאס איז נאך גאנץ, און צוויי שעה פאר עס ווערט טאג איז נישט געבליבן מער ווי צוויי טפחים ווייל הונדערטער ציגן קומען צו גיין פונעם חרוב'ן דארף סדום און פון צוער און זיי לעקן די זאלץ, אבער צוויי טפחים בלייבט שטענדיג, און פאר חצות הלילה ווערט דאס צוריק גרויס. ע"כ.

עס איז אינטערעסאנט וואס עס שטייט אין ספר **פענח רזא** (פר' נצבים) אז איבעראל וואו עס שטייט גפרית, מיינט דאס אז עס איז געקומען גפרית צוזאמען מיט מלח. דא שטייט אז עס איז געקומען פון הימל '**גפרית ואש מן השמים**', אבער צוזאמען האט אויך געגרעגנט זאלץ, דעריבער ווען זי האט זיך אויסגעדרייט קוקן איז אויף איר געקומען דער זעלבער עונש ווי אויף די אנשי סדום, און זי איז באדעקט געווארן פון די גפרית ומלח, ממילא איז זי געבליבן א נציב מלח.

**תוספות** אין מס' ברכות (דף מ' ע"א) ברענגט פון **רבי מנחם**, אז ער האט זייער מדקדק געווען צו ברענגען זאלץ אויפן טיש, אזוי ווי דער מדרש זאגט אז ווען אידן זיצן ביים טיש און זייווארטן איינער אויפן צווייטן אז מ'זאל זיך וואשן, טוען זיי נישט קיין מצות און דער שטן איז דעמאלטס מקטרג אויף זיי, קומט דער ברית פון זאלץ וואס דאס איז מגין אויף זיי.

# אוצר רבותינו

## מלאכים אדער מענטשן

דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע** איז אמאל אנגעקומען צו א גרויסן עושר אין לעמבערג, און ער האט אים נישט דערציילט אז ער איז דער **בארדיטשובער רב**, און ער האט אים געבעטן אז ער וויל איינשטיין ביי אים.

דער עושר האט געמיינט אז ער איז סתם א שלעפער, האט ער אים געהייסן גיין שלאפן אין א גאסט הויז. דער **קדושת לוי** האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אים לאזן נעכטיגן ביי אים אין שטוב, אבער דער עושר האט נישט געוואלט נאר ער האט אים געשיקט צו אן ארימען מלמד, וועלכער האט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות מיט גרויס כבוד.

עס האט נישט לאנג גענומען און מ'איז געווארן געווויר אין די שטאט אז דער **בארדיטשובער** רב איז דא, און א ריזיגער עולם האט באלאגערט דעם הויז פונעם מלמד, און אויך יענער עושר איז געקומען צו לויפן זיך בעטן ביים בארדיטשובער רב אז ער זאל צוריק קומען צו איהם ווייל אלע רבנים און גדולי ישראל שטייען איין ביי אים.

האט דער **קדושת לוי** אים געזאגט אזוי "לכאורה איז שווער, פארוואס מאכט מען אזא עסק פון אברהם אבינו מיט זיין מידת החסד אז ער האט אריינגענומען די מלאכים, ביי לוט שטייט דאך אויך די זעלבע זאך אז ער האט אריינגענומען די מלאכים, און אויב ביי אברהם איז דאס געווען מסירות נפש איז דאך ביי לוט אויך געווען מסי"נ ווייל די אנשי סדום וואלטן אים געקענט הרג'ענען?

נאר דער חילוק איז געווען אז ביי אברהם אבינו **שטייט "וירא שלשה אנשים"** די מלאכים זענען געקומען פארשטעלט ווי מענטשן, און אברהם אבינו האט נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים, און דאך האט ער זיי אריינגענומען אין שטוב מיט אזא ווארימע הכנסת אורחים, משא"כ ביי לוט שטייט **ויבואו שני המלאכים סדומה**, נאכדעם וואס מ'ווייסט אז זיי זענען מלאכים קען שוין לוט אויך מקיים זיין מצות הכנסת אורחים...

# יגעת ומצאת

די וואך וועל מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער דער ראש אומתינו אברהם אבינו ע"ה, וואס די אלע ענינים שטייען די תשובות אין חומש אדער רש"י פר' לך לך – וירא – חיי שרה:

**ווען איז אברהם אבינו געבוירן געווארן, יום? חודש? א' תתקמ"ח. ווי אלט איז אאע"ה געווען ווען ער איז ארויס פון חרן? ווי לאנג איז ער געווען אין מצרים? ווי לאנג האט ער געוואוינט אין חברון? ווי אלט איז ער געווען ווען ער האט חתונה געהאט מיט הגר? ווען ער האט געבוירן ישמעאל? ווען ער האט זיך גע'מל'עט? ווען יצחק איז געבוירן? פארוואס איז ער געגאנגען וואוינען אין פלשתים? ווי לאנג האט ער דארט געוואוינט? ווילאנג האט ער געוואוינט די צווייטע מאל אין חברון ביז די עקידה? ווי אלט איז אאע"ה געווען ביי די עקידה? ביי זיין פטירה?**

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ב')....

**ביד"צ – ביהמ"ד – ביהכנ"ס – ביהמ"ק – ב"ה וב"ש – בביגוא"צ – בליעה"ר – בעזהשי"ת – בשטומ"צ – בדו"ר**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פרשת לך לך

**רבי אלעזר ניסן טייטלבוים, בן הישמח משה, אב"ד דראביטש, נפ' ח' תשרי תרט"ו**

**רבי אברהם המלאך, בן המגיד ממעזריטש, נפ' י"ב תשרי תקל"ח, אבי ר' שלום שכנא, אבי ר' ישראל מריזשין.**

**המגיד מקאזניץ, רבי ישראל, ב"ר שבתי, בעל עבודת ישראל, נפ' י"ד תשרי תקע"ה**

**רבי נחמן מברסלב ב"ר שמחה, אמו מרת פיגא, בת ר' יחיאל, אמה הצדיקת אדל, בת הבעש"ט הק', נפ' ח"י תשרי תקע"א**

**רבי יעקב יוסף מפולנאה, בעל תולדות יעקב יוסף, תלמיד הבעש"ט הק', נפ' כ"ד תשרי תקמ"ב**

**רבי לוי יצחק מבארדיטשוב, תלמיד המגיד ממעזריטש, בעל קדושת לוי, נפ' כ"ה תשרי תק"ע.**

**רבי משה סופר, ב"ר שמואל, אב"ד פרעשבורג בעל חתם סופר נפ' כ"ה תשרי ת"ר.**

**רבי ישראל מרישזין ב"ר שלום שכנא, ב"ר אברהם המלאך, בן המגיד ממעזריטש, ג' חשון תרי"א**